ל. ס'איז דאך אויך נהוג אז מ'לערנט א פסוק פון פרשה השבוע (וואס כ'האט געלייענט בצבור [illegible]) מיט פרש"י – און מ'איז דאס מבאר אין אן אופן אז אע"פ אז ס'זיינען דא כמה שאלות, האט דאס אבער רש"י אליין באווארנט, וויל ער איז אז דער בן חמש למקרא זאל דאס קענען פארשטיין, און ער זאל ניט דארפן אנקומען צו קיינע פירושים – וואיבאלד ער איז נאך ניט שייך צו קיין אנדער לימוד, א חוץ פון פרש"י, וואס פרש"י איז – ווי רש"י[104] זאגט בנוגע לפירושו עה"ת, אז "אני לא באתי אלא לפשוטו של מקרא".

וואס אין היינטיגע סדרה איז דא א פרש"י וואס דארט ברענגט רש"י אראפ א מאמר וואס שטייט אין גמרא העכער[105], אין זהר[106], אין מדרשים[107]. און אלע קאנען זיך אין דערויף – מפרשי הש"ס, מפרשי הזהר און מפרשי המדרשים; און רש"י ברענגט אראפ דעם מאמר, און איז אין דערויף גארניט מבאר.

אנדערע פשטני המקרא שטעלן זיך אויף דערויף, און מאכן אין דערויף א גאנצע קשו"ט, ועד"ז שטעלן זיך אויף דערויף מפרשי רש"י מיט א גאנצע אריכות, אבער אן אריכות וואס איז ניט שייך צו פשט"מ, און ס'איז ניטא קיין רמז אויף דערויף אין פרש"י.

וכמדובר כמ"פ אז ס'זיינען דא מפרשים וואס זייער דרך אין לימוד פרש"י איז, אויסצוגלייכן און בפרט זיין דברי רש"י אין אן אופן אז ס'זאל זיין אויסגעהאלטן ע"ד ההלכה וע"ד הדרוש, ביז צו "יינה של תורה" (רמזים און סודות התורה), כידוע דער פתגם פון דעם אלטן רבי'ן[108] אז "פרש"י אויף חומש איז יינה של תורה" –

אבער לכל לראש זאגט רש"י אז "אני לא באתי אלא לפשוטו של מקרא", עס דארף זיין אויסגעהאלטן לויט דרך הפשט, סיידן דארטן וואו רש"י זאגט אליין "לא ידעתי" וכיו"ב.

לא. אין קאפיטל מא פסוק נ שטייט: "וליוסף יולד שני בנים בטרם תבוא שנת הרעב גו'". שטעלט זיך רש"י אויף די ווערטער "בטרם תבוא שנת הרעב", און טייטשט אפ: "מכאן שאסור אדם לשמש מטתו בשני רעבון".

ווארום אין פשש"מ ווערט גלייך א שאלה: למאי נפק"מ אז זיי זיינען געבארן געווארן "בטרם תבוא שנת הרעב";

ס'איז דא אמאל וואס מ'זאגט ווען איינער איז געבארן

- געווארן -

---

104) עה"פ בראשית ג, ח. 105) יא, א. 106) ח"א רד, א. 107) ראה ב"ר פל"א, יג. פל"ד, ז. 108) היום יום ע' כד.

הנחת הת' בלתי מוגה

געווארן כדי אז מ'זאל וויסן ווי אלט יענער איז געווען (אדער צוליב אן אנדער סיבה) - אבער דא זאגט דאך ניט דער פסוק דעם זמן המדויק ווען זיי זיינען געבארן; אין פסוק שטייט נאר אז זיי זיינען געבארן געווארן "בטרם תבוא שנת הרעב", וואס דאס קען זיין אין א משך זמן פון כמה שנים, ועכ"פ זיבן יאר, ווארום ס'זיינען געווען די שבע שני השבע

איז וויבאלד אז מ'ווייסט סיי-ווי ניט ווען זיי זיינען געבארן געווארן, איז למאי נפק"מ אז זיי זיינען געבארן געווארן "בטרם תבוא שנת הרעב"?

אויף דערויף ברענגט אראפ רש"י דעם מארז"ל פון תענית, וואס דארטן שטייט: "אמר ריש לקיש אסור לאדם לשמש מטתו בשני רעבון, שנאמר וליוסף יולד שני בנים בטרם תבוא שנת הרעב".

לב. שטעלט זיך אויף דערויף תוס' על אתר[109], און פרעגט: "ואם תאמר הרי יוכבד נולדה בין החומות ואותו העת עת רעב הי', וע"כ שימשו מטותיהן בשני רעבון".

די זעלבע שאלה פרעגט מען אויך בנוגע צו יצחק[110]:

אין פ' תולדות[111] ווערט דערציילט "ויהי רעב בארץ . . וילך יצחק אל אבימלך מלך פלשתים גררה", און דערנאך[112] שטייט: "ויהי כי ארכו לו שם הימים וישקף אבימלך . . וירא והנה יצחק מצחק את רבקה אשתו" - ווערט די שאלה: ווי האט יצחק עובר געווען אויפן איסור וואס "אסור לאדם לשמש מטתו בשני רעבון".

און רש"י באווארנט ניט די קושיות, ניט בנוגע צו יוכבד, און ניט בנוגע צו יצחק.

וואס סיי בנוגע צו יוכבד און סיי בנוגע צו יצחק, ברענגט דאס אראפ רש"י בפירושו על התורה:

אין פ' ויגש[113] שטייט: "אלה בני לאה . . שלשים ושלש", שטעלט זיך אויף דערויף רש"י, און זאגט: "ובפרטן אי אתה מוצא אלא ל"ב, אלא זו יוכבד שנולדה בין החומות", ועד"ז אין פ' תולדות[114] טייטשט אפ רש"י אויף "וישקף אבימלך גו'" - "שראהו משמש מטתו",

און אעפ"כ שטעלט זיך רש"י ניט אפ אויף דער שאלה - ווי קומט דאס אז לוי און יצחק האבן זיך ניט גערעכנט מיטן איסור וואס "אסור לאדם לשמש מטתו בשני רעבון".

- וכאמור -

----

109) ד"ה אסור - תענית שם. 110) רא"ם, גו"א ושפ"ח עה"פ. 111) כו, א. 112) שם, ח. 113) מו, טו. 114) שם.

הנחת הת' בלתי מוגה

וכאמור לעיל אז אלע מפרשים שטע"ן זיך אויף דער שאלה - סיי מפרשי הש"ס, אנהויבנדיק פון תוס', ועד"ז אין מפרשי הזהר (וואס אין זהר פון היינטיקע פרשה[115] ווערט אויך אראפ-געבראכט דער מאמר), און אויך מפרשי החומש,

ובפרט אין אור החיים אויפן פסוק - וואס ער מאכט א גאנצן שטורעם פון דעם תירוץ וואס תוס' פארענטפערט, "ויש לומר דלכ"ע לא הוי אסור אלא למי שרוצה לנהוג עצמו בחסידות, ויוסף לא שימש אבל שאר בני ארם שימשו", און זאגט אז "אין נראין רבריהם לא במה שאמרו מדת חסידות כי מכתוב דרשו לה, ולא במה שיצא מדבריהם כי לוי לא הי' חסיד, העידה עליו התורה[116] לאיש חסידך, כי הוא הי' חסיד שבשבטים כו'", במילא קען ניט זיין אז לוי זאל ניט אפהיטן אן ענין אויף וועלכן ס'שטייט "אסור כו'"

[אע"פ אז מ'געפינט דעם לשון "אסור" אויך בנוגע צו ענינים של הידור, ווי מפרשי הש"ס[117] ברענגען אראפ - שטייט דאך אבער פארט דער לשון "אסור", קען ניט זיין אז לוי זאל דאס ניט אפהיטן].

בנוגע צו יצחק, וואלט מען נאך געקענט פארענטפערן בדוחק עכ"פ:

וויבאלד אז ס'שטייט "ויהי כי ארכו לו שם הימים", ס'איז דורכגעגאנגען אן אריכות הזמן - איז שוין דורכגע-גאנגען דער רעב, ובמילא איז ניט געווען קיין איסור.

דער תירוץ שטימט אבער ניט דערמיט וואס ס'שטייט דערנאך[118] "ויזרע יצחק בארץ ההיא וימצא בשנה ההיא גו'", וואס אויף דערויף טייטשט אפ רש"י "שהיתה שנת רעבון . . שהארץ קשה והשנה קשה", ד.ה. אז דעמולט איז נאך אנגעגאנגען דער רעב.

און אפי' אויב מ'וועט פארענטפערן די קשיא בנוגע צו יצחק - וועט נאך בלייבן די קשיא בנוגע צו יוכבד וואס "נולדה בין החומות".

און אפי' אויב מ'וועט זאגן אז רש"י האלט אזוי ווי תוס' אז "לא הוי אסור אלא למי שרוצה לנהוג עצמו בחסידות" - איז דאס אבער ניט קיין ביאור אין פשש"מ פאר א בן חמש למקרא, ווארום דער בן חמש למקרא ווייסט ניט דערפון וואס ראשונים און אחרונים געפינען דוגמאות אין ש"ס וואו ס'שטייט דער לשון "אסור", און מ'מיינט דערמיט נאר אן ענין של הידור,

- ובפרט -

---

115) שם. 116) ברכה לג, ח. 117) ראה שד"ח כללי הפוסקים כרך ט סט"ז אות יב. 118) תולדות שם, יב.

הנחת הת' בלתי מוגה

ובפרט אז רש"י זאגט ניט אויף דערויף "רבותינו דרשו" אדער "איתא בתענית" וכיו"ב, נאר ער זאגט בפשטות אז וויבאלד ס'שטייט "בטרם תבוא שנת הרעב", איז "מכאן שאסור וכו'".

לג. נוסף לזה - איז דא נאך א קשיא אין פרש"י גופא:

דער לשון הגמרא איז "אסור לאדם לשמש מטתו בשני רעבון, שנאמר וליוסף יולד שני בנים בטרם תבוא שנת הרעב" - רש"י איז אבער משנה פון לשון הגמרא, און זאגט: "מכאן שאסור לאדם לשמש מטתו בשני רעבון".

וכמדובר כמ"פ אז אין רש"י זיינען ניטא קיין איבעריקע ווערטער - איז דערפון וואס רש"י איז מדייק און זאגט "מכאן שאסור וכו'", איז פארשטאנדיק, אז דערמיט וויל ער באוואר-ענען אז מ'זאל וויסן אז פון א פריערדיקן ארט קען מען דאס ניט אפלערנען, מערניט ווי "מכאן".

ווען מ'הויבט אן זוכן פון וואנעט וואלט מען דאס געקענט אפלערנען פריער (וואס דערפאר דארף רש"י באווארענען אז מ'לערנט דאס אפ (ניט פון דארטן, נאר "מכאן") - דארף מען גארניט זוכן, ס'איז א פרש"י מפורש אין פרשת נח

[אמאל איז געווען דער סדר אז איינער האט געפרעגט א קשיא, האב איך געדארפט זוכן א תירוץ; איצטער איז אבער געווארן דער סדר, אז מ'פוילט זיך אפי' פרעגן א קשיא, דארף איך פריער געפינען א קשיא, און דערנאך געפינען אויך א תירוץ,

און דערנאך דארף איך אליין לערנען דעם תירוץ - ווארום אוועקגייענדיק פון דעם פארברייינגען, פארגעסט מען אויף די גאנצע זאך, און עס בלייבט דער לערנער - דער וואס האט געפונען די קשיא און געפונען דעם תירוץ, און דערנאך דארף ער דאס אליין לערנען]:

אין פ' נח[119] שטייט: "ויבוא נח ובניו ואשתו ונשי בניו אתו אל התיבה מפני מי המבול", טייטשט אפ רש"י: "האנשים לבד והנשים לבד, לפי שנאסרו בתשמיש המטה, מפני שהעולם שרוי בצער".

וואס דערפון איז פארשטאנדיק, אז מ'וואלט געקענט אפלערנען דעם איסור פון פ' נח, און דערפאר דארף רש"י באווארענען אז מ'לערנט דאס אפ "מכאן";

עס איז אבער ניט פארשטאנדיק: פארוואס זאל מען דאס

- טאקע -

---

119) ז, ז.

הנחת הת' בלתי מוגה

סאקע ניט אפלערנען פון פ׳ נח, רש"י אליין זאגט דאך דארטן אז "נאסרו בתשמיש המטה מפני שהעולם שרוי בצער"?!

נוסף אויף דער קשיא - צוליב וואס דארף דער פסוק זאגן "בטרם תבוא שנת הרעב" כדי אז מ׳זאל וויסן אז "אסור לאדם לשמש מטתו בשני רעבון", דערפאר וואס די וועלט שטייט אין א מעמר ומצב של צער - ווען דער פסוק וואלט דאס ניט געזאגט, וואלט מען דאס אויך געוואוסט דערפון וואס בא נח איז געווען דער ציווי אז ס׳זאל זיין "האנשים לבד והנשים לבד"?

מיט נאך כמה דיוקים - וכפי שיתבאר לקמן.

לד. בנוגע צו די הערות פון טאטן אויפן זהר - איז אין זהר פון היינטיקע פרשה רא א גאנצע אריכות וועגן דעם זעלבן ענין וואס די גמרא זאגט אין תענית, און אין דערויף איז דער טאטע[120] מחדש א חידוש נפלא וואס מ׳געפינט דאס ניט אין קיין אנדער ארט:

ער איז מבאר אין די הערות אז וויבאלד אז פריער זאגט ער אין זהר "בעי לי׳ לב"נ דכד שלטא שנת הרעב דיסתים מבועא דברית קדישא כו׳", און דערנאך איז ער מוסיף אלס א באזונדער ענין "וע"ד כתיב וליוסף יולד שני בנים בטרם תבוא שנת הרעב דהא מההוא זמנא דשלטא שנת הרעב אסתים מבועי׳" - איז פארשטאנדיק, אז דא קומט צו נאך אן ענין:

"מלבד זה שלא שימש מטתו כלל בשנת הרעב, עוד זאת מה ששימש קודם שנת הרעב, שימש זמן רב קודם שנת הרעב, בכדי שגם הולדת בניו תהי׳ קודם שנת הרעב" - ווארום דער פסוק איז מדגיש "וליוסף יולד שני בנים בטרם תבוא שנת הרעב", ד.ה. אז די הולדה (ניט נאר דער תשמיש) איז אויך געווען "בטרם תבוא שנת הרעב".

וואס אין דערויף ווערט די שאלה: פארוואס ווערט ניט אראפגעבראכט אין שו"ע אז מ׳דארף באווארענען אז אויך די הולדה זאל זיין "בטרם תבוא שנת הרעב",

- דאס איז דאך א מאמר וואס שטייט אין גמרא, אין זהר און אין מדרשים, און אלע מפרשים קאכן זיך אין דערויף, און דאס איז א דין אין שו"ע או"ח[121], און אין ב"י[122] איז דא א גאנצע שקו"ט בנוגע צו לידת יוכבד, ועד"ז אין נו"כ השו"ע (אין מג"א[123] און אין ט"ז[124]),

איז ווי קומט דאס אז אין קיין ארט ווערט ניט דערמאנט

- דער -

----

120) לקוטי לוי"צ לזח"א ע׳ קפד ואילך. 121) סתקע"ד ס"ד. 122) שם ד"ה מצוה. 123) שם סק"ה. 124) שם סק"ב.

הנחת הת׳ בלתי מוגה

דער חידוש נפלא וואס עס קומט צו לויטן זהר (וואס לכאו׳ איז דאס פשוטו של מקרא) - אז וויבאלד ס׳שטייט "וליוסף יולד שני בנים בטרם תבוא שנת הרעב", איז פארשטאנדיק, אז מ׳דארף באווארענען אז די הולדה זאל אויך זיין "בטרם תבוא שנת הרעב" - וואס דאס שטייט ניט אין שו"ע, ניט אין גמרא תענית, און ניט אין פרש"י וכו׳.

וכפי שיהבאר לקמן בנוגע צו פרש"י אז אלע ענינים דארפן זיין באווארענט - ווארום רש"י באווארענט דאס, אדער אז ס׳איז שוין באווארענט דורך דברי רש"י לפנ"ז, ובמילא דארף מען ניט אנקומען צו פארענטפערן די קשיא פון תוס׳, און צו דער גאנצער שקו"ט אין נו"כ השו"ע און אין מפרשי הזהר וכו׳, ווארום דאס איז אלץ אין דרך ההלכה, משא"כ לויט פשש"מ איז מלכתחלה ניטא קיין קשיא. וכפי שיתבאר לקמן.

לה. בהמשך להמדובר לעיל (סי"ח ואילך) וועגן "זאת חנוכה", אז ער איז כולל אין זיך אלע "ימים היוצאין" - שפיגלט זיך דאס אויך אפ אין דערויף וואס דאס איז כולל אלע סוגים פון אידן.

וואס דערפאר זעט מען אז אין קרה"ת פון "זאת חנוכה", לייענט מען ניט נאר אלע איבעריקע נשיאים, נאר מ׳לייענט אויך "בהעלותך את הנרות גו׳",

[וואס אחרונים[125] שטעלן זיך אויף דערויף וואס מ׳לייענט בחנוכה די פרשה פון "בהעלותך את הנרות", אז לכאו׳ איז ניט פארשטאנדיק: וואס פאר א שייכות איז דא צווישן נרות חנוכה מיט "בהעלותך את הנרות" - נרות המקדש, נרות המקדש זיינען געווען שבעה נרות, און בחנוכה צינדט מען אן שמונה נרות - איז דאך אין דערויף מודגש דער חילוק צווישן נרות המקדש מיט נרות חנוכה],

וואס אויף דערויף איז דער אלטער רבי מבאר בארוכה אז שבעת נרות המנורה זיינען כולל אלע שבעה סוגים פון אידן, אבער ווי יעדער סוג פון אידן שטייט באזונדער, א באזונדער נר און א באזונדער קנה פאר יעדער סוג פון אידן,

און מ׳זאגט אז ס׳דארף זיין אין אן אופן פון "אל מול פני המנורה יאירו שבעת הנרות"[126], אז אלע נרות, צוזאמען מיטן נר האמצעי, זיינען מאיר "אל מול פני המנורה" -

ווי מפרשים[127] זיינען מבאר ווי איז שייך צו זאגן

- אויפן -

----

125) ערוך השולחן או"ח ר"ס תרפר. 126) בהעלותך ח, ב.
127) ראה רא"ם, גו"א, ושפ"ח עה"פ.

אויפן נר האמצעי ער ואל מאיר זיין "אל מול פני המנורה" - אבער לויטן ביאור בזה אין ספרי מוסר און אין די דרושים פון דעם אלטן רבי'ן, איז פארשטאנדיק, אז "אל מול פני המנורה" גייט אויף דער נקודת היהדות וואס איז דא בא יעדער אידן. און אויף דערויף זאגט מען אז די נקודת היהדות דארף באלייכטן אלע עניני זיין, א אידן.

און דאס איז וואס דער פסוק באווארענט אז "אל מול פני המנורה יאירו <u>שבעת</u> הנרות" - אז אפי' ווען ער איז א לומד תורה און מקיים מצוות, דארף מען באווארענען אז ביי אים זאל שטיין בגלוי אז דאס איז "תורתך" און "חוקי רצונך"[128].

דער חילוק איז נאר, אז ביי א בינוני איז געגוג די התבוננות אין דערויף בכל שעה, ווען עס בייטן זיך די צירופים, כמבואר אין תניא[129], משא"כ ביי א צדיק, וואס ביי אים איז דאס בתמידות.

עאכו"כ לויטן פס"ד גלוי (וואס דערמיט הריבן זיך אן אלע ד' חלקי השו"ע) אז ס'דארף זיין "שויתי ה' לנגדי תמיד"[130] - וואס פון אריכות הביאור וואס דער רמ"א ברענגט אראפ (פון מו"נ[131] - ער ברענגט דאס אבער אראפ אלס פס"ד) אז "אין ישיבת האדם ותנועותיו ועסקיו והוא לבדו בביתו כישיבתו ותנועותיו ועסקיו והוא לפני מלך גדול", איז פארשטאנדיק, אז כדי אז יעדער מעשה דיבור ומחשבה שלו זאל זיין ווי עס דארף צו זיין ע"פ שו"ע, דארף זיין דער ענין פון "שויתי ה' לנגדי תמיד", וואס דאס איז דער ענין פון "אל מול פני המנורה יאירו שבעת הנרות".

לו. וכמדובר כמ"פ אז גאנץ תורה און מצוות זיינען נצחיים - ס'איז אבער דא א מצוה וואס אין איר שטייט <u>דער</u> פרט בגלוי און א צווייטער פרט בהעלם, אע"פ וואס יעדער מצוה איז כלול פון אלע מצוות[132], כמדובר כמ"פ בארוכה.

ע"ד ווי מ'זעט אין די מצוות פון חנוכה - אז אין דער מצוה פון נרות חנוכה, שטייט בגלוי דער ענין פון "נר מצוה ותורה אור", משא"כ בנוגע צו "הלל והודאה", וואס דארטן איז דער ענין פון "נר" כפשוטו ניט בגלוי.

עד"ז בנוגע צו דעם ענין וואס אידן קלייבן זיך צוזאמען (וואס דאס איז פארבונדן דערמיט וואס די קרה"ת פון "זאת חנוכה" איז כולל אלע סוגים פון אידן, כנ"ל) - וואס

- דער -

---

128) ראה ד"ה מאי חנוכה תש"א. היום יום ע' ח. ועוד.
129) ספמ"א (נח, ב). 130) ל' הכתוב - תהלים טז, ח.
131) ח"ג פנ"ב. 132) ראה המשך תרס"ו ע' סח. רסז. תקכב. ובכ"מ.

דער ענין דארף זיין אפי׳ ווען א איד דאווענט פאר זיך ביחידות און געפינט זיך אין א מדבר שמם - ווי דער אריז"ל זאגט אן[133] (און דער אלטער רבי ברענגט דאס אראפ[134]) אז קודם התפלה דארף מען זאגן "הריני מקבל עלי מ"ע של ואהבת לרעך כמוך", אז ער איז זיך כולל צוזאמען מיט אלע אידן[135] (אע"פ אז ער געפינט זיך איינער אליין אין א מדבר שמם);

עס איז אבער נים דומה צו דעם וואס אידן קלייבן זיך צוזאמען פון פארשידענע ערטער, און אלע סוגים פון אידן, פון "ראשיכם שבטיכם" ביז "חוטב עציך ושואב מימיך", און מ׳שטייט אלע צוזאמען אין א תנועה פון קירוב הלבבות, ביז צו א תנועה של התאחדות - וואס דעמולט שטייט דער ענין פון אהבת ישראל בגלוי.

וואס אע"פ אז דער ענין פון אהבת ישראל איז פארבונדן מיט כללות הענין פון קיום התומ"צ, כמבואר אין תניא[136] אז דאס איז "כל התורה כולה" און "יסוד ושורש כל התורה" - אעפ"כ, אין שאר התומ"צ שטייט דאס בהעלם, און בשעת ס׳איז דא דער ענין פון אהבה ישראל בגלוי (ווען אידן קלייבן זיך צוזאמען), שטייט דאס בגלוי.

לז. ובהמשך לזה - קומט א יישר-כח, צוזאמען מיט נתינת כח, און נתינת תודה (מיט אלע גוטע זאכן) - פאר די וואס זיינען זיך משתתף אין דער פגישה פון היינטיקן שבת (און ערב שבת און לאחרי השבת), און אויך פאר די וואס האבן זיך פארנומען מיט מארגן זיין די פגישה און ממשיך זיין אין דערויף.

ויה"ר אז דאס וואס זיי האבן דערגרייכט ביז איצטער, זאל בא זיי מעורר זיין דעם ענין פון "כי שיש לו מנה רוצה מאתים", און ווען מ׳האט שוין "מאתים", וויל מען גלייך האבן "ארבע מאות" -

אז די הצלחה וואס איז געווען ביז צו דער שעה פון נאך הבדלה, זאל בא זיי מעורר זיין א רצון און תשוקה, ביז צו א תשוקה עזה, אויף אויסנוצן די שעות וואס מ׳האט נאך צו זיין צוזאמען (וואס דעמולט שטייט בגלוי דער ענין פון "כולנו כאחד"), אז מ׳זאל אין דערויף מוסיף זיין כמ"פ ככה, און אלעמאל איז דאך דא אן ארט אויף צו מוסיף זיין, וויבאלד אז דאס איז פארבונדן מיטן אויבערשטן וואס ער איז אין סופי.

- און -

---

133) שער הכוונות בתחלתו. פע"ח ש"ג ספ"ב. סידור האריז"ל במקומו. שו"ע האריז"ל ריש הל׳ ביהכנ"ס.
134) בשו"ע שלו או"ח סו"ס מו. 135) ראה שעה"כ, פע"ח, ושו"ע האריז"ל שם. 136) פל"ב.

נאר אזוי ווי די גמרא ברענגט בכ"מ אז תנאים און אמוראים וואס זיינען געווען אין א"י, האבן געהאט תלמידים אויך פון בבל, ועד"ז די תנאים ואמוראים וואס זיינען געווען אין בבל, האבן געהאט תלמידים אויך פון א"י -

איז עד"ז קען מען אויך זאגן בנוגע צו רשב"א, אז ער האט געהאט תלמידים סיי פון בבל און סיי פון א"י - וואס צו די תלמידים פון בבל, האט ער געזאגט די דריי ענינים לויט ווי זיי שטייען אין בבלי, און צו די תלמידים פון א"י, האט ער געזאגט די פיר ענינים לויט ווי זיי שטייען אין ירושלמי.

נח. ויה"ר - והוא העיקר - אז ס'זאל זיין דער ענין פון "עוד ינובון בשיבה דשנים ורעננים יהיו"[203] (ווי עס ברענגט זיך אין סיום המשנה),

ובקרוב ממש - זאל מען לערנען תורתו של משיח מפיו של משיח - וואס דעמולט וועט זיין "תורה חדשה מאתי תצא"[204], לויט אלע פירושים שבזה[205], וואס אין כאן המקום להאריך בזה.

ובקרוב ממש - זאל זיין דער "רץ כצבי" - אז מ'זאל לויפן אויף צו מקבל זיין פני משיח צדקנו, "בנערינו ובזקנינו גו' בבנינו ובבנותנו"[206], בעגלא דידן ממש.

* * *

נט. דער ביאור אין פרש"י:

אין פרש"י איז דא נאך א דיוק: רש"י איז מעתיק פון פסוק די ווערטער "בטרם תבוא שנת הרעב", און בפירושו זאגט ער "אסור לאדם כו' בשני רעבון", לשון רבים?

דער לשון הגמרא איז טאקע "בשני רעבון" - אבער כמדובר כמ"פ אז אפי' ווען רש"י זאגט "רבותינו דרשו" וכיו"ב, איז ער אמאל משנה דעם לשון, כדי אז ס'זאל זיין מתאים לויט פשש"מ (אויב ס'איז נאר מתאים מיטן תוכן המאמר),

ביז וואנעט אז אפי' ווען ער ברענגט אראפ א פסוק, איז ער אים אויך משנה און ברענגט ניט גענוי דעם לשון הכתוב, כדי אז ס'זאל זיין מתאים צו זיין פירוש אין פשש"מ - ווי געבראכט די דוגמא לזה דערפון וואס רש"י[207] ברענגט אראפ דעם פסוק[208] "אחת דבר אלקים שתים זו שמענו", און ניט ווי ס'שטייט אין פסוק - "שמעתי".

- ועאכו"כ -

---

203) תהלים צב, טו. 204) ויק"ר פי"ג, ג. 205) ראה ד"ה ויאמר משה תשי"ס פ"ו. 206) בא י, ט. 207) ברלינר - עה"פ יתרו כ, ח. 208) תהלים סב, יב.

ועאכו"כ ווען רש"י זאגט ניט "רבותינו דרשו" וכיו"ב, נאר ער שטעלט זיך אויפן פסוק "בטרם תבוא שנת הרעב", און טייטשט דאס אפ בפשטות אז "מכאן שאסור כו'", האט ער זיכער געדארפט ברענגען דעם לשון הכתוב "שנת הרעב", און ניט "שני רעבון".

מוז מען זאגן אז לויט פשש"מ מוז מען טייטשן אז דאס וואס ס'שטייט אין פסוק "שנת הרעב", מיינט מען רערמיט "שני רעבון".

ס. והביאור בזה:

דער בן חמש למקרא פארשטייט בפשטות, אז ווען א זאך טרעפט איין מאל, קען זיין אז ס'איז א צופעליקע זאך, כשא"כ ווען דאס טרעפט צוויי מאל, ועאכו"כ ווען עס טרעפט דריי מאל - איז א הוכחה אז לא מקרה הוא.

און ווי מ'געפינט בפרשתנו[209] אז יעקב האט געזאגט אז ער וויל ניט אז בנימין זאל גיין אין מצרים, דערפאר וואס "יוסף איננו ושמעון איננו ואת בנימין תקחו", ד.ה. אז נאך דעריוף וואס עס האט שוין געטראפן צוויי מאל ("יוסף איננו ושמעון איננו"), האט מען מורא פאר א דריטן מאל[210].

און ווי גערעדט אמאל בארוכה[211] וועגן דעם וואס ס'שטייט[212] "ואת בנימין אחי יוסף לא שלח יעקב את אחיו כי אמר פן יקראנו אסון" - אז דער פסוק איז מדגיש "אחי יוסף", דערפאר וואס מיט יוסף'ן האט שוין געטראפן אן אומגליק, און דערפאר האט יעקב מורא געהאט פאר בנימין.

ועד"ז האט מען שוין געלערנט פריער[213] אז יהודה האט מורא געהאט פאר שלה "פן ימות גם הוא כאחיו" - ווי רש"י טייטשט אפ "מוחזקת היא זו שימותו אנשי'".

וואס דערפון זעט מען אז לויט פשש"מ האט מען מורא פאר א געוויסע זאך דוקא ווען די זאך האט שוין געטראפן מער ווי איין מאל, ווארום ווען עס טרעפט איין מאל, קען מען נאך זאגן אז ס'איז א צופעליקע זאך.

סא. ובנדו"ד - ווען ס'איז "שנת הרעב", מערניט ווי איין יאר, איז נאך ניטא דער איסור וואס "אסור לאדם לשמש מטתו", ווארום עס קען זיין אז דאס וואס עס האט ניט געוואקסן קיין תבואה, איז ניט דערפאר וואס דאס איז א שנת רעב, נאר דערפאר וואס צופעליק האט די רוח פארטריבן די ענניס, און

- דערפאר -

---

209) מב, לו. 210) ראה חולין צה, ב. 211) לקו"ש ח"ה ע' 216 ואילך. 212) פרשתנו שם, ד. 213) וישב לח, יא.

דערפאר איז ניט געוואקסן אין דער שדה אדער בכל המדינה כולה,

און וויבאלד אז מ׳איז נאך ניט זיכער אז דאס איז "שנת הרעב" (עס קען זיין אז ס׳איז א צופעליקע זאך, און מארגן וועט זיך דאס ענדיקן) - איז פארוואס זאל ער זיך דארפן מצער זיין, און נאכמער - ניט מקיים זיין דעם ענין פון "שארה כסותה ועונתה לא יגרע"[214]!?

ווען עס גייען אבער דורך "שני רעבון", לשון רבים, עכ"פ צוויי יאר (עאכו"כ ווען עס גייען דורך דריי יאר) - דעמולט איז פארשטאנדיק אז לא מקרה הוא, נאר ס׳איז טאקע אן ענין של "רעב", און דעמולט איז דא דער איסור וואס "אסור לאדם לשמש מטהו בשני רעבון".

ועפ"ז איז פארשטאנדיק, אז ווען רש"י ברענגט אראפ דעם איסור וואס "אסור לאדם לשמש מטהו כו׳", איז ער משנה פון לשון הכתוב "שנת הרעב", און שרייבט "שני רעבון" - ווארום ווען עס גייען דורך מערניט ווי איין יאר, איז נאך ניטא דער איסור, ווארום מ׳ווייסט נאך ניט אז ס׳איז א "רעב"; דוקא ווען עס גייען דורך "שני רעבון", דעמולט ווייסט מען אז ס׳איז א "רעב", און דעמולט איז דא דער איסור.

סב. עפ"ז איז אבער ניט פארשטאנדיק: בא יוסף איז דאך אויך ניט דורכגעגאנגען "שני רעבון", און אעפ"כ זאגט דער פסוק "וליוסף יולד שני בנים בטרם תבוא שנת הרעב"?

איז דאס ביים בן חמש למקרא קיין קשיא ניט - ווארום יוסף אליין האט דאך געוואוסט אז דאס איז "שנת הרעב":

יוסף האט פותר געווען דעם חלום פון פרעה, און האט געזאגט אז עס וועלן זיין שבע שני רעב[215] - איז ווען ער האט געזעהן אז דער חלום ווערט מקוים, עס איז אנגעקומען "שנת הרעב" (אפי׳ ניט קיין איין גאנצער יאר, עס האט זיך אבער אנגעהויבן דער "רעב") - האט ער געוואוסט אז עס קומען אן "שבע שני רעב", ובמילא איז דאס שוין "שנת הרעב", ווארום ער ווייסט אז ס׳איז ניט קיין צופעליקע זאך וואס וועט גלייך דורכגיין.

וואס דערפון איז פארשטאנדיק, אז גלייך ווען ס׳איז געקומען דער ערשטער טאג פון "שנת הרעב", איז בא יוסף׳ן געווען דער איסור וואס "אסור לאדם לשמש כו׳", און דערפאר האט געדארפט זיין דער ענין פון "וליוסף יולד שני בנים בטרם תבוא שנת הרעב".

- אבער -

----

214) משפטים כא, י. 215) מקץ מא, כז.

הנחת הת׳ בלתי מוגה

אבער ווען מ'לערנט אפ דערפון דעם איסור אויף זיין הס"ס, אויפן זכן פון רש"י ובפי"ב - דארף מען זאגן [illegible] אז ס'איז "שנת הרעב" (וואדרום ס'איז ניט ווי ס'איז געווען בא יוסף'ן וואס ער האט געוואוסט אז עס גייען קומען שבע שני רעב) - און אויף צו וויסן אז ס'איז א "רעב", דארף מע האבן אז ס'זאלן דורכגיין "שני רעבון" (כנ"ל בארוכה), און דערפאר ווען רש"י זאגט אז דערפון לערנט מען אפ דעם איסור ביי אלעמען - זאגט רש"י אז "אסור לאדם לשמש מטתו בשני רעבון".

סג. עפ"ז ווערט אויך פארענטפערט די קושיא הנ"ל (סל"ב) וועגן יצחק און לוי:

אפי' אויב מ'וועט זאגן אז דאס וואס "יצחק מצחק את רבקה אשתו" איז געווען ווען דער רעב איז נאך אנגעגאנגען (אע"פ אז ס'שטייט "ויהי כי ארכו לו שם הימים") - איז אבער פארשטאנדיק אז אין דערויף איז ניט געווען קיין איסור,

וואדרום יצחק האט ניט געוואוסט צי ס'איז טאקע א "רעב" אדער ס'איז מערניט ווי א צייטווייליקע זאך און מארגן וועט זיך דאס ענדיקן - און דערפאר ווען עס קומט צום ציווי פון "פרו ורבו ומלאו את הארץ וכבשוה"[216] (וואס דעם ציווי האט שוין דער בן חמש למקרא געלערנט) - האט ער דאס געדארפט מקיים זיין, און ער קען ניט כונע זיין דעם קיום פון דעם ציווי צוליב דעם רעב, וואדרום פון וואנעט זאל ער וויסן אז ס'איז טאקע א "רעב", עס קען דאך זיין אז ס'איז א צייטווייליקע זאך. און עס האט זיך שוין געענדיקט.

ועד"ז איז אויך פארשטאנדיק בנוגע צו לוי (וואס "יוכבד נולדה בין החומות"):

עס איז שוין טאקע דורכגעגאנגען א יאר זינט דער רעב האט זיך אנגעהויבן, און עס האט זיך שוין אנגעהויבן דער צווייטער יאר פון דעם רעב, אבער אעפ"כ, מ'קען נאך ניט זיין זיכער אז ס'איז טאקע א "רעב", וואדרום בכל יום ויום קען דאס בטל ווערן.

ווען עס וואלטן דורכגעגאנגען "שני רעבון", עכ"פ צוויי יאר, וואלט מען געוואוסט אז ס'איז א "רעב", און דעמולט וואלט געווען דער איסור; דא איז נאך אבער ניט דורכגעגאנגען קיין צוויי יאר, וואדרום אין דעם צווייטן יאר איז מען ערשט אנגעקומען אין מצרים, און דאס איז געווען מיט ניין חדשים פאר דערויף - אין אנהויבס פון דעם צווייטן יאר (אדער נאך אין דעם ערשטן יאר) - וואס דערפאר האט ער ניט

- געקענט -

----

216) בראשית א, כח.

הנחת הת' בלתי מוגה

געקענט כונע זיין דעם קיום המצוה פון "פרו ורבו ומלאו את הארץ וכבשוה".

[ס'זיינען דא מפרשים[217] וואס ווילן פארענטפערן אז בא יצחק און לוי איז ניט געווען דער איסור, דערפאר וואס בא "חשוכי בנים" (אדער אין "ליל טבילה"[218]) איז ניטא דער איסור[219].

אין פשש"מ קען מען אבער אזוי ניט זאגן, ווארום רש"י ברענגט ניט דעם מאמר הגמרא אז בא "חשוכי בנים" (און אין "ליל טבילה") איז ניטא דער איסור.

נאר אין פשש"מ איז דאס מלכתחלה קיין קשיא ניט - ווארום דער בן חמש למקרא פארשטייט בפשטות אז א זאך וואס טרעפט מערניט ווי איין מאל, קען זיין אז ס'איז מערניט ווי א צופעליקע זאך, און דערפאר ווען עס זיינען נאך ניט דורכגעגאנגען "שני רעבון", איז נאך ניטא דער איסור, ווארום עס קען זיין אז ס'איז גאר ניט קיין "רעב"].

סד. בנוגע צו לידת יוכבד - איז נאך אבער אלץ ניט פארשטאנדיק:

יוסף האט דאך מפרסם געווען אז עס גייען קומען שבע שני רעב - ווארום בפשטות איז געווען א פרסום הכי גדול דערפון וואס פרעה האט גע'חלום'ט א חלום, און "אין פותר אותם לפרעה"[220], ביז וואנעט אז ס'איז געקומען יוסף און האט פותר געווען דעם חלום, אז עס וועלן זיין שבע שני שבע און שבע שני רעב, און דערפאר האט מען אים געמאכט פאר א "משנה למלך",

און מ'האט שוין געזעהן אז עס הויבט זיך שוין אן נתקיים ווערן דער חלום, און נאכמער: יעקב האט געשיקט זיינע קינדער איינקויפן "בר" אין מצרים, ד.ה. אז זיי האבן געוואוסט פון חלום פרעה, אז עס גייען קומען שבע שני רעב, און געוואוסט אז "יש שבר במצרים"[221] - איז ווי באלד אז לוי האט געוואוסט אז ס'איז "שנת הרעב", איז ווי קומט דאס אז ער האט ניט אפגעהיט דעם איסור וואס "אסור לאדם לשמש כו'"?

האט דאס שוין רש"י באווארענט בפירושו לפנ"ד:

אין פ' ויש[222] זאגט רש"י: "ורבותינו למדו מכאן שאין חלום בלא דברים בטלים". וואס דערפון איז פארשטאנדיק, אז

- אע"פ -

----

217) ראה רא"ם עה"פ (הובא בב"י או"ח סתקע"ד ד"ה מצוה. ט"ז שם סק"ב). 218) ב"י שם ד"ה גרסינן. שו"ע שם ס"ד ובמג"א סק"ה. 219) תענית יא, א. ירושלמי תענית פ"א סוף ה"ו. שו"ע שם. סר"מ סי"ב. 220) מקץ שם, ח. 221) שם מב, א. 222) לז, י.

אע"פ אז לוי האט סאקע געוואוסט וועגן חלום פרעה (אז עס גייען קומען שבע שני רעב), און ער האט געזעהן אז דער חלום הויבט אן נתקיים ווערן, אעפ"כ, וויבאלד אז "אי' חלום בלא דברים בטלים", קען זיין אז די זיבן יאר איז א גוזמא, און בפועל וועט דער רעב זיין מערניט ווי איין יאר.

עס דערדט זיך דאך ווען לוי איז נאך געווען אין א"י (איידער ער איז געקומען אין מצרים), און האט נאך ניט געוואוסט אז "עוד יוסף חי"[223], און אז יוסף איז דער וואס האט פותר געווען דעם חלום - מ'האט גערעכנט אז דאס איז אן איש מצרי, איינער פון שרי פרעה (דער "משנה למלך");

איז אמת סאקע אז חרטומי מצרים קענען אמאל פותר זיין א חלום אין א ריכטיקן אופן (ובפרט ווען מ'זעט אז דער חלום הויבט זיך שוין אן נתקיים ווערן), מ'קען אבער ניט זאגן אז אין דעריוף איז ניטא קיין "דברים בטלים",

ווארום מה-דאך אז בנוגע צו בנו של יעקב (יוסף) זאגט מען אז "אין חלום בלא דברים בטלים", איז עאכו"כ אז בא פרעה מלך מצרים איז "אין חלום בלא דברים בטלים" - ובמילא קען זיין אז דער רעב וועט זיין (ניט זיבן יאר, נאר) מערניט ווי איין יאר.

וואס דערפון איז פארשטאנדיק, אז בא לוי איז ניט. געווען דער איסור - ווארום עס איז דורכגעגאנגען מערניט ווי איין יאר פון דעם רעב [ווי געזאגט פריער אז זיי זיינען אנגעקומען אין מצרים ערשט בשנה השני' פון דעם רעב, און הורתה איז געווען מיט ניין חדשים איידער מ'איז געקומען אין מצרים], ווייסט מען נאך ניט צי ס'איז סאקע א "רעב" (ווארום ס'איז נאך ניט דורכגעגאנגען "שני רעבון") - און דערפאר האט לוי ניט געטארט מבטל זיין דעם קיום הציווי פון "פרו ורבו ומלאו את הארץ וכבשוה".

סה. עפ"ז וועט מען אויך פארשטיין פארוואס ברענגט זיך ניט אין קיין ארט (ניט אין גמרא, ניט אין שו"ע און ניט אין פרש"י וכו') דער חידוש וואס קומט אויס פון זהר אז "ליוסף יולד שני בנים בטרם תבוא שנת הרעב" מיינט, אז די הולדה (ניט נאר דער תשמיש) איז אויך געווען "בטרם תבוא שנת הרעב" (וואס עפ"ז דארף לכאו' אויסקומען אז ניט נאר וואס "אסור לאדם לשמש מטתו בשני רעבון", נאר ער דארף אויך באווארענען אז די הולדה זאל זיין "בטרם תבוא שנת הרעב"):

וויבאלד אז יוסף האט פותר געווען דעם חלום (אז עס וועלן קומען שבע שני רעב), און ער האט געוואוסט אז "בלעדי

- אלקים -

---

223) ויגש מה, כו.

אלקים יענה את שלום פרעה"[224], אז דאס קומט פון דעם אויבערשטן - האט ער געוואוסט אז עס גייט קומען א רעב, און דערפאר האט ער געקענט באווארענען אז די הולדה זאל זיין "בטרם תבוא שנת הרעב";

ווען עס רעדט זיך אבער וועגן פסק'נען א דין פאר ימינו אלו, אדער פאר די צייטן פון די תנאים ואמוראים - דארף מען דאך האבן אז ס'זאל זיין "שני רעבון" בפועל כדי אז מ'זאל וויסן אז ס'איז טאקע א "רעב" (ניט קיין צופעליקע זאך), ועאכו"כ אז מ'קען ניט באווארענען אז די הולדה זאל זיין "בטרם תבוא שנת הרעב" - פון וואנעט זאל ער וויסן אז אין 9 חדשים ארום (אדער אין זיבן חדשים ארום) וועט זיין א "רעב"?!

משחרב ביהמ"ק איז דאך בטל געווארן דער ענין פון נבואה - קען מען ניט וויסן אז אין 9 חדשים ארום וועט זיין א "רעב"; און אפי' בזמן שביהמ"ק הי' קיים, ווען ס'איז געווען דער ענין הנבואה - איז א נבואה שלא לטובה קען דאך בטל ווערן - און צוליב דעריף קען מען ניט מבטל זיין די מ"ע מן התורה פון "פרו ורבו ומלאו את הארץ וכבשוה" [עאכו"כ דער ענין פון טבילה בזמנה מצוה[225], מיט אלע פרטים שבזה].

וואס דערפון איז פארשטאנדיק, אז ס'איז ניט שייך אז אין שו"ע זאל אפגע'פסק'נט ווערן אז מ'דארף באווארענען אז די הולדה זאל זיין "בטרם תבוא שנת הרעב" - ווארום מ'קען ניט וויסן אז אין א פאר חדשים ארום וועט זיין א "שנת הרעב"

און דערפאר דארף רש"י ניט באווארענען דאס וואס אין פסוק שטייט "וליוסף יולד שני בנים בטרם תבוא שנת הרעב", און אעפ"כ זאגט מען נאר אז "אסור לאדם לשמש מטתו בשני רעבון", און מ'באווארענט ניט דעם ענין ההולדה - ווארום ס'איז מובן מעצמו (ביז אז רש"י דארף דאס אפי' ניט באווארענען) אז מ'קען ניט וויסן איצטער אז אין א פאר חדשים ארום וועט זיין א "רעב".

סו. דער ביאור אין דעם וואס רש"י זאגט "מכאן שאסור כו'", אז מ'קען דאס אפלערנען נאר פון דעם פסוק, און ניט דערפון וואס ס'שטייט אין פ' נח:

אין פ' נח זאגט רש"י "שנאסרו בתשמיש המטה מפני שהעולם שרוי בצער", ד.ה. אז וויבאלד די גאנצע וועלט געפינט זיך בצער, דארף מען האבן א זהירות יתירה וכו', און דערפאר איז "נאסרו בתשמיש המטה".

- אבער -

----

224) מקץ מא, טז. 225) יומא ח, א. שו"ע יו"ד סקצ"ז ס"ב.

הנחת הת' בלתי מוגה

אבער בנדו"ד איז ניט דער ענין וואס "העולם שרוי בצער", ווארום אין מצרים האט מען זיך באווארענט אז מ׳זאל האבן תבואה אויף דעם זכן הרעב, "יש שבר במצרים" - איז דאך פארשטאנדיק, אז דערפון וואס מ׳האט געלערנט אין פ׳ נח, אז "נאסרו בתשמיש המטה מפני שהעולם שרוי בצער", וואלט מען ניט געוואוסט דעם איסור בנוגע צו יוסף׳ן, ווארום אין מצרים איז ניט געווען קיין ענין של צער.

און דערפאר דארף מען אנקומען צום פסוק "וליוסף יולד שני בנים בטרם תבוא שנת הרעב" - וואס "מכאן שאסור לאדם לשמש מטתו בשני רעבון"; פון דעם פסוק לערנט מען אפ דעם איסור בנוגע צו "שני רעבון" - וואס דער איסור איז ניט פארבונדן מיט אן ענין של צער, נאר אפי׳ אויב ער האט זיך באווארענט אז אים זאל דער רעב ניט שאטן (אזוי ווי יוסף האט באווארענט אז אין מצרים זאל זיין תבואה) - לערנט מען אפ פון דעם פסוק אז "אסור לאדם לשמש מטתו בשני רעבון".

וואס דעם ענין וואלט מען ניט געוואוסט פון פ׳ נח, ווארום דארטן איז געווען דער ענין וואס "העולם שרוי בצער" - דער אויבערשטער האט מלכתחלה אנגעזאגט מיט 120 יאר פריער אז עס וועט זיין א מבול [וואס אע"פ אז די מענטשן האבן ניט געגלויבט, האט אבער נח יע געגלויבט אין דערויף; ער איז טאקע געווען "מקטני אמנה"[226], אבער אעפ"כ האט ער געגלויבט אין דערויף אויף אזוי פיל אז ער האט געבויט א תיבה במשך פון 120 יאר[227]] - איז געווען דער איסור דערפאר וואס "העולם שרוי בצער",

משא"כ בנדו"ד - וואס דער איסור איז ניט פארבונדן מיט אן ענין של צער, נאר מיטן עצם ענין אז דאס זיינען "שני רעבון" - לערנט מען דאס אפ "מכאן".

וואס דערמיט ווערן פארענטפערט די אלע דיוקים האמורים לעיל.

און דערפון זעט מען אויך אויף וויפל אין פרש"י איז יעדער ווארט בדיוק - סיי דאס וואס רש"י שרייבט "מכאן", וואס דאס איז ניט סתם אויף צו מאכן לייכטער דעם לימוד, נאר דערמיט באווארענט ער אז מ׳קען דאס ניט אפלערנען פון א פריערדיקן ארט, און סיי דאס וואס רש"י איז משנה פון לשון הכתוב "שנת הרעב", און שרייבט "שני רעבון", מיט אלע דיוקים האמורים לעיל.

סז. און אויב אין פרש"י עה"ת איז יעדער ווארט בדיוק, איז

- עאכו"כ -

----

226) פרש"י עה"פ נח ז, ז (מב"ר פל"ב, ו). 227) ראה בארוכה לקו"ש נח ש.ז. וש"נ.

הנחת הה׳ בלתי מוגה

עאכו"כ אז אזוי איז דאס אין די ענינים פון תורה וועלכע זיינען נוגע צו הלכה למעשה - אויף וויפל ס'איז נוגע כל פרטי הדיוקים שבזה.

וואס דאס איז אויך כולל דאס וואס מ'האט גערעדט פריער אין דעם סיום פון מסכת קידושין - וואס לכאו', וויבאלד אז ס'איז אן ענין של אגדה, מ'ברענגט דוגמאות פון חיות וכו', איז וואס איז אזוי נוגע צי ס'שטייט אין אזא סדר וכו'? - זעט מען דאך אז פון דעם חילוק צי ס'שטייט פריער "קייץ" אדער "סבל", נעמט מען ארויס א לימוד בנוגע צו דעם ענין פון "זריזין מקדימין" און "ברוב עם הדרת מלך", מיט אלע פרטים האמורים לעיל.

כולל אויך דעם דיוק העיקרי, וואס דאס איז אן ענין של הלכה, אז עס דארף זיין דער ענין פון "מלפנו מבהמות הארץ גו'"[228]:

ווען מ'פרעגט א שאלה: היתכן אז מ'זאל עפעס אפלערנען פון א חי', אפלערנען עפעס פון א גוי, ווען מ'איז א איד וואס איז לומד תורה און מקיים מצוות -

זאגט רשב"א אז מ'קען זיך אפלערנען אפי' פון א חי' טמאה - ניט נאר פון "צבי קייץ", נאר אויך פון "ארי סבל", און אפי' פון "שועל חנוני", און (לויט גירסת הירושלמי -) אפי' פון "זאב מוכר קדירות".

און דערפון לערנט מען אפ, אז ווען ער זעט אז אים פעלט אין פרנסה, דארף ער וויסן אז ס'איז ניט קיין "נקרה נקרית"[229], נאר דאס איז פארבונדן דערמיט וואס "עונותיכם הטו" - און דערפון קומט ארויס אז ער איז גלייך מתקן דעם ענין פון "עונותיכם הטו".

ד.ה. אז אפי' ווען ער האלט נאך ניט בא לימוד התורה וקיום המצווה <u>לשמה</u>, זאגט מען אבער אז ס'דארף זיין אין אן אופן פון "שלא לשמה", אבי ער זאל זיין "סור מרע" כדבעי,

כידוע דער מאמר פון כ"ק מו"ח אדמו"ר[230], אז בנוגע צו דעם ענין פון "עשה טוב" זיינען דא חילוקים, אבער בנוגע צו דעם ענין פון "סור מרע" - דארף מען טאן אלע וועגן אבי צו אנטלויפן פון דעם רע,

ביז וואנעט אז צוליב דעריף לערנט ער זיך אפ פון א צבי, פון אן ארי, פון א שועל און פון א זאב. - סה. -

----

228) איוב לה, יא. וראה עירובין ק, ב. ובארוכה - שיחת אור ליום ג', כ"ד טבת ה'תשל"ת סי"ט ואילך. 229) רמב"ם הל' תעניות פ"א ה"ג. 230) סה"כ תש"ח ע' 83.